Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 283 | Łódź, Wtorek, 6 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ז׳ כסלו תרצ״ג | № 283

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# שטרייכען די פערלעגענע שטייערען

## פערלאנגען פון דער ווארשאווער האנדעלס- און אינדוסטריע-קאמער — רעפעראט פון געוו. מיניסטער קלארנער. — פרעמיער פריסטאר האט צוגעזאגט צו פערווירקליכען די פערלאנגען

וו א ר ש א, 5 (טעל.)

היינט איז פארגעקומען א פלענאר-זיצונג פון דער ווארשאווער האנדעלס-און אינדוסטריע-קאמער. דער פארזיצער פון דער קאמער, דער געוו. מיניסטער קלארנער, וועלכער האט געהאלטען א רעדע וועגען דערווירטשאפטליכער לאגע און דערביי פארגעשטעלט א דעקלאראציע, וועלכע ענטהאלט פאלגענדע פארשלאגען, וואס די האנדעלס-קאמער וועט פארלעגען דער רעגירונג:

1) פערלעגענע שטייערען זאלען אינגאנצען געשטראכען ווערען. פיקטיווע שטייער-סומען, אויף וועלכע ס׳איז נישטא קיין אויסזיכט, אז זיי זאלען געצאהלט ווערען, שטרייכען.

2) שטראפן פאר נישט בעצאהלען שטייערען אין דער צייט זאלען אפגעמעקט ווערען נאך איידער ס׳וועט ארויס די פערארדנונג וועגען אפשאפען די פערלעגענע שטייערען.

3) די שטייער-אמטען זאלען זיך בעמיהען אדורכצוקומען מיט די שטייער-צאהלערס בנוגע די פערלעגענע שטייערען. אין פרינציפ זאלען אזעלכע שטייערען צולייגט ווערען אויף ראטעס במשך פון פינף יאהר, צורעכנענדיג 10 פראצענט.

די שטייער-צאהלער, וואס וועלען פינקטליך צאהלען די ראטעס, זאל פעררעכענט ווערען די 10 פראצענט פאר 20 פראצענט.

4) דאס געזעץ וועגען געלד-ליכווע זאל אפגעשאפט ווערען.

5) עס זאלען אפגעהיט ווערען די באנק-סודות

6) אפשאפען די סאציאלע דערגרייכונגען פון ״י ארבייטער. אנשטאט 46 שעה א וואך איינפיהרען 48 שעה. ענדערן דעם אורלויב געזעץ, פערקלענערן די אבצאהלונגען פון די סאציאלע פערזיכערונגען, פערלעגענע אפצאהלונגען פון די סאציאלע פערזיכערונגען איינגאנצען שטרייכען.

7) פערקלענערן דעם באהן-טאריף.

8) אפשאפען א רייהע מלוכהשע מאנאפאלען.

די דאזיגע אלע פונקטען האט דער געוו. מיניסטער קלארנער פארגעלייגט דעם פרעמיער פריסטאר, איידער ער איז געקומען אויף דער פלענאר-זיצונג.

פרעמיער פריסטאר, האט זיך בעקענט מיט די אלע פונקטען און אויספיהרונגען פונם רעפעראט און צוגעזאגט צו שטיצען.

פרעזעס קלארנער האט צוגעזאגט זיך צו בעמיהען די אלע פאדערונגען אדורכצופיהרען אין לעבען.

---

## צוזאמענפאהר פון פויערים-פארטיי

וו א ר ש א, 5 (טעל.)

בקרוב קומט פאר אין ווארשא א צוזאמענפאר פון דער פויערים-פארטיי.

ווי מען אינפארמירט, זאל וויטאס אויף דעם צוזאמענפאהר ארויסטרעטען מיט א סענסאציאנעלען רעפעראט.

דער צוזאמענפאהר זאל אננעהמען א גאנצע רייהע וויכטיגע בעשלוסען. ס׳האלט דערביי, אז די פויערים-פארטיי זאל אוועק זעהר לינק.

---

קאמעראל-טעאטער
— אל. 1 מאי 2 —

„אראראט״

קינסטל. אנפיהרער
משה בראדערזאן

פרייטאג, דעם 9-טען דעצעמבער ד. י.
פייערליכע ערעפנונג פון ווינטער-סעזאן
1-טע שלאגער-פרעמיערע!

טריאומף = ערפאלג אין ווארשא!

פרטים זעה זייט 7.

---

# אויגען-קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
# Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעל. 72-221
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפע-ראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.
4091

---

# Dr. Wajnberg
ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אווענד.

---

# פאר גאלד, ביזשעטעריע
און לאמבארד-קוויטען
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא, פעטריקאווער 7

---

די נייע טאנץ-שולע
# פון ב. ליבאוויטש
פאלודניאווא 36

הויבט אן א נייעם קורס, אבער נאר מיט יודישע געזעלשאפט לאנג און קורץ-געקליידעטע.

איינשרייבונגען פון שילערינס און שילער קומען פאר טעגליך פון 7 ביז 10 אווענד. שבת און זונטאג פון 11 פריה ביז 10 אווענד.

מיט אכטונג
דיפלאמירטער טאנץ-לעהרער
ב. ליבאוויטש.

---

# רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס
ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאר
אין פראנט, II שטאק

---

# Dr. med. J. SCHORR
פון IWONICZ
ספעציאליסט
פאר הארץ און סקלעראזא-קראנקהייטען
וואוינט יעצט אין לאדז
גראנסקא 11, טעל. 226-85
נעמט אן טעגליך פון 4—6 נאכמיטאג.
2899

---

א גרויסע סענסאציע !!!
דער נייער א״י׳דיגער קלאנג-פילם
זינגט, רעדט העברעאיש 100% א.נ.
# „דאס נייע ארץ-ישראל״
שוין אין די נאהנטסטע טעג
אין קינא-טעאטער „ספלענדיד״ נארוטאוויטש 20
5087

---

# וויכטיג נייעס פאר מחותנים!

אויב איהר האלט ביי חתונה מאכען אייערע קינדער. אזוי געהט נישט דינגען פריהער קיין זאל ביז איהר וועט נישט קומען צו-ערשט זעהען דעם פריש ערשטקלאסיגען רעמאנטירטען

# ווארשאווער זאל, פאלודניאווא 36

וועלכער איז געווארען איינגעארדענט ספעציעל אויף חתונות און חינוך׳ס און אויף פערשידענע פערוויילונגען אדער אויף פארציעס—חתונות אויף די בעסטע בעדינגונגען צו די צוגענגליכסטע פרייזן.

צו אינפארמירן זיך טעגליך פון 7 פרי—10 אוונד אין ווארש. זאל פאלודניאווא 36

---

זאל פון שטאט-ראט, פאמארסקע 16
פרייטאג, ד.9 ד.ח. 8.30 אוונט קומט-פאר אן איינציקער
ווארט-קאנצערט פון קינסטלער-רעציטאטאר—
# הערץ גראסבארט
אין פראגראם: י. ל. פרץ, ה. לייוויק, מ. ל. האלפערן, ע. שטיינבארג, מ. נאדיר, לוצקי א. אנד.

ב לעטן צום פרייז פון 75 גראשן ביז 1.50 זל. צו בעקומען אין ארבעטער-רעסטאראן, פאלודניאווע 20 און ביים אריינגאנג.
5086

---

הזכרה.
מארגען, מיטוואך, דעם 7-טען דעצעמבער 1932,
12 א זייגער בייטאג קומט פאר אויפ׳ן בית החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון מיין אונפערגעסליכער פרוי און מוטער

# ב״ע ח״ שפרה בערגער

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען.
מאן און קינדער.
5081

---

# אנאנסן אין נייעם פאלקסבלאט
האבן גרעסטען ערפאלג!

